# New York State
# Low Income Household Water Assistance Program

## דארפט איר הילף מיט באצאלן פאר וואסער און שמוציגע וואסער בילס וואס איר האט שוין געדארפט באצאלן?

די נידריגע איינקונפט הויזגעזונד וואסער הילף פראגראם (Low Income Household Water Assistance Program, LIHWAP) קען העלפן.

LIHWAP איז א טרינקען וואסער און שמוציגע וואסער עמערדזשענסי הילף פראגראם באצאלט דורך נייע פעדעראלע ריסארסן. בענעפיטן זענען באזירט אויף די צאל אומבאצאלטע וואסער און שמוציגע וואסער בילס וואס אפליקאנטן זענען שולדיג. די הילף איז געצילט פאר נידריג איינקונפט הויזגעזונדער און איינקונפט באדינגונגען זענען די זעלבע ווי פאר די היים ענערגיע הילף פראגראם.

LIHWAP בענעפיטן זענען באזירט אויף די ווירקליכע צאל טרינקען וואסער און/אדער שמוציגע וואסער וואס מען איז שולדיג, ביז א מאקסימום פון $2,500 פער טרינקען וואסער אדער שמוציגע וואסער פראוויידער, אדער $5,000 איוב טרינקען וואסער און שמוציגע וואסער סערוויסעס גייען צוזאמען, פער הויזגעזונד. בענעפיטן ווערן באצאלט דירעקט צו די הויזגעזונד'ס טרינקען וואסער און/אדער שמוציגע וואסער פירמע(ס).

בארעכטיגונג און בענעפיטן זענען באזירט אויף:

- איינקונפט,
- הויזגעזונד מאס,
- הויזגעזונד נעמט אריין אן אמעריקאנער בירגער, אמעריקאנער נאציאנאל, אדער בארעכטיגטע פרעמדע, און
- סומע שולדיג צו טרינקען וואסער און/אדער שמוציגע וואסער פראוויידער(ס).

הויפט אפליקאנטן מוזן צושטעלן:

- באווייז פון אידענטיטעט
- באווייז פון אייער וואוינונג
- דאקומענטן פון פארדינטע און אומפארדינטע איינקונפט
- א טרינקען וואסער, שמוציגע וואסער, אדער א צאמשטעל פון טרינקען וואסער און שמוציגע וואסער ביל וואו עס שטייט זייער פערמענאנטע און הויפט וואוינונג
- א גילטיגע סאושעל סעקיוריטי נומער (SSN)
  - SSN'ס פון נאך הויזגעזונד מיטגלידער וועלן ווערן פארלאנגט

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט https://otda.ny.gov/LIHWAP

NEW YORK STATE | Office of Temporary and Disability Assistance